**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................5:37
מוצאי שב"ק.....................7:04

**שיעורים כסדרן**
נ"ך.............................מיכה ב'-ג'
בבלי...............................נדה י'
ירושלמי.......................שבת ס'
תוספתא....................הוריות ב'
רמב"ם..............חובל ומזיק ב'

# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת נח, ד' חשון, שנת תש"פ לפ"ק
שנה 9, גליון 6 (420)

## אַ מַעֲשֶׂה אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

**וַאֲנִי הִנְנִי מֵקִים אֶת בְּרִיתִי אִתְּכֶם**

עֶס אִיז גֶעוֶוען אַ בְּרֶסְלֶב'עֶר חָסִיד, רֶבִּי אַהֲרֹן קוּבְּלִיטְשֶׁער זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה; עֶר אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ פְרֵייליכֶער אִידְל, אוּן שְׁטֶענְדִיג אִיז עֶר אַרוּם גֶעגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכְל, אֲפִילוּ עֶר אִיז גֶעוֶוען אַן עָנִי וְאֶבְיוֹן. וֶוען זַיין וַוייבּ פְלֶעגְט אִים פְרֶעגְן: "אַהֲרֹן, פַארְוָואס בִּיסְטוּ פְרֵייליךְ, הָאסְט דָאךְ גָארְנִישְׁט?" הָאט עֶר אִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ גְלֵייבְּסְט דָאךְ אַז עֶס וֶועט נָאךְ אַמָאל זַיין גוּט, נוּ, אִיךְ בָּארְג אוֹיס שִׂמְחָה פוּן דֶעמָאלְט אוֹיף יֶעצְט"; זֶעט מֶען פוּן דֶעם דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן אֵיינֶער וָואס גֵייט שְׁטֶענְדִיג אַרוּם מִיט אַ שְׁמֵייכְל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ.

צַדִּיקִים הָאבְּן גֶעזָאגְט אַז נַאפָּאלְיָאן, דֶער קֵיסָר, זַיין גַאנְצֶע חָכְמָה וִוי אַזוֹי עֶר הָאט אַיינְגֶענוּמֶען אַלֶע מְדִינוֹת אִיז גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט גֶעבְּרֶענְגְט מוּזִיק אוֹיפְ'ן פְרַאנְט צְווִישְׁן דִי סָאלְדַאטְן, זֵיי פְלֶעגְן גֵיין אוּן מַארְשִׁירְן מִיט מוּזִיק, אוּן דָאס הָאט זֵיי גֶעגֶעבְּן דִי מוּט אוּן דִי שְׁטַארְקֵייט צוּ מְנַצֵּחַ זַיין אַלֶע גְרוֹיסֶע לֶענְדֶער.

דָאס זֶעלְבֶּע אִיז וֶוען אַ אִיד אִיז פְרֵייליךְ, עֶר פְרֵיידְט זִיךְ מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועט אִים זַיין גְרִינְגֶער צוּ זַיין אָפְּגֶעהִיטְן אוּן צוּ זַיין הֵיילִיג; דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קסט): "כִּי עִקַּר פְּגַם הַבְּרִית הוּא עַל יְדֵי עַצְבוּת כַּיָּדוּעַ, כִּי פְּגַם הַבְּרִית בָּא עַל יְדֵי הַקְּלִפָּה הַיְדוּעָה שֶׁנִּקְרֵאת לִילִית, עַל שֵׁם שֶׁמְּיַלֶּלֶת תָּמִיד", דֶער עִיקָר פַארְוָואס אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרָאפּ אִין דִי עֲבֵירָה פוּן פְּגַם הַבְּרִית אִיז וַוייל עֶר אִיז בְּעַצְבוּת, דֶער מֶענְטְשׁ אִיז טְרוֹיעֶרִיג אוּן דֶעפְּרֶעסְט. אָבֶער וֶוען אַ מֶענְטְשׁ אִיז פְרֵייליךְ, וֶוערְט עֶר גֶערַאטֶעוֶועט פוּן עֲבֵירוֹת, אַזוֹי וִוי דֶער רֶבִּי זָאגְט דָארְט וַוייטֶער: "עִקַּר שְׁמִירַת הַבְּרִית זוֹכִין עַל יְדֵי שִׂמְחָה", וִוי אַזוֹי אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ שְׁמִירַת הַבְּרִית? אַז מֶען אִיז פְרֵייליךְ.

דֶערְפַאר בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע דַיינֶע כּוֹחוֹת צוּ זַיין פְרֵייליךְ, אֲפִילוּ דוּ הָאסְט נִישְׁט מִיט וָואס צוּ זַיין פְרֵייליךְ, זָאלְסְטוּ זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם אַז 'אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט; דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר אוֹיסְדֶערְוֶועלְט צוּ זַיין פוּן זַיין עַם הַנִּבְחָר', אוּן זוּךְ אוֹיף גוּטֶע נְקוּדוֹת וָואס דוּ הָאסְט שׁוֹין גֶעטוּן אִין דַיין לֶעבְּן, וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ בִּיסְט פוּל מִיט מִצְוֹת, וַוייל אֲפִילוּ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל מְלֵאִים מִצְוֹת כְּרִמּוֹן" (חֲגִיגָה כז:), אֲפִילוּ אַ פּוֹשְׁעֵי יִשְׂרָאֵל אִיז אָנְגֶעפִילְט מִיט מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים.

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר, נֶעם אַ גְמָרָא אוּן כַאפּ זִיךְ מִיט; דֶער בַּאן פָּארְט, עֶס אִיז אַ שָׁאד אַרָאפּ צוּ גֵיין פוּנֶעם בַּאן. אַ טָאג וָואס מֶען לֶערְנְט אַ בְּלַאט גְמָרָא אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶער טָאג, אָבֶער אָן תּוֹרָה אִיז דִי טָאג טוֹיט רַחֲמָנָא לִצְלָן. אַ טָאג וָואס מֶען לוֹיפְט אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב אִיז אַ לֶעבֶּעדִיגֶער טָאג, אוּן אַז נִישְׁט, מֶעגְסְטוּ הָאבְּן גֶעלְט מִיט הַייזֶער וְכוּ' וְכוּ', אָבֶער בֶּאֱמֶת הָאסְט גָארְנִישְׁט! בִּיסְט נַאקֶעט - הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ.

אֵיינְמָאל דוּ וֶועסְט זַיין פְרֵייליךְ, וֶועסְטוּ שׁוֹין גֵיין אִין שׁוּל דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית מִנְחָה מַעֲרִיב, דוּ וֶועסְט נֶעמֶען אַ גְמָרָא אוּן לֶערְנֶען אַ בְּלַאט, אוּן דוּ וֶועסְט גֶעבְּן גוּטֶע וֶוערְטֶער פַאר דַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וְכוּ' וְכוּ'. אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען הֵייבְּן זִיךְ אָן וַוייל דֶער מֶענְטְשׁ אִיז בְּעַצְבוּת, אוּן מֶען גֵייט אַרוּם טְרוֹיעֶרִיג. מֶען זִינְגְט אַ נִיגוּן וָואס מֶען הָאט דָאס גֶעהֶערְט בִּירוּשָׁה וְכוּ', אוּן דָאס זִינְגְט מֶען נָאךְ, דֶער נִיגוּן גֵייט אַזוֹי: "וָואס וֶועט זַיין?". ווִיל אִיךְ דִיר פְרֶעגְן, פַארְוָואס זִינְגְסְטוּ דֶעם נִיגוּן וֶוען עֶס גֵייט דִיר גוּט אוּן דוּ הָאסְט אַ שֵׁיינֶע לֶעבְּן? דוּ מֵיינְסְט אַז וַוייל דוּ הָאסְט גֶעהֶערְט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶעם אִיד זִינְגֶען דֶעם נִיגוּן "וָואס וֶועט זַיין?" דַארְפְסְט עֶס נָאכְזִינְגֶען?!

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תשע"ח)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### וואוּ לוֹיפְסְטוּ?

דֶער הֵיילִיגֶער צַדִּיק רֶבִּי לֵוִי יִצְחָק פוּן בַּארְדִיטְשׁוּב זי"ע הָאט אַמָאל גֶעזֶען וִוי אַ אִיד לוֹיפְט אַרוֹיס פוּן שׁוּל אִינְדֶערְפְרִי, עֶר לוֹיפְט צוּ דִי אַרְבֶּעט, הָאט עֶר אִים אָפְּגֶעשְׁטֶעלְט אוּן גֶעפְרֶעגְט וואוּ עֶר לוֹיפְט, הָאט דֶער אִיד גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר לוֹיפְט מַאכְן פַּרְנָסָה, הָאט אִים דֶער צַדִּיק גֶעזָאגְט: "וֶוער זָאגְט אַז דוּ לוֹיפְסְט צוּ דַיין פַּרְנָסָה, אֶפְשָׁר לוֹיפְסְטוּ אַוֶועק פוּן דַיין פַּרְנָסָה?...

וֶוען אַ אִיד הָאט אֱמוּנָה, עֶר גְלֵייבְּט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, עֶר וֵוייסְט אַז קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּכַאפְּן זַיין פַּרְנָסָה אָן דִי ווִילְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן וֶועט עֶר קֶענֶען רוּאִיגֶערְהֵייט דַאוֶוענֶען אִינְדֶערְפְרִי מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר וֶועט אֲפִילוּ קֶענֶען לֶערְנֶען עֶטְלִיכֶע שִׁיעוּרֵי תּוֹרָה נָאכְן דַאוֶוענֶען, אוּן עֶר וֶועט נִישְׁט אַזוֹי מוֹרָא הָאבְּן אַז עֶר וֶועט פַארְפַּאסְן אַ קָאסְטוּמֶער, אָדֶער אַז עֶר וֶועט פַארְלִירְן גֶעלְט וֶוען מֶען וֶועט אַרָאפְּרֶעכֶענֶען דִי צַייט פוּן דִי אַרְבֶּעט.

נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט פַּרְנָסָה, פוּן דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג נָארְמַאל, אוּן פוּן לֶערְנֶען תּוֹרָה, פַארְלִירְט מֶען נִישְׁט דִי פַּרְנָסָה; פַארְקֶערְט, מֶען פַארְדִינְט נָאר אַסַאךְ פוּן דֶעם סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי בְּגַשְׁמִיּוּת.

אוֹיבּ פַארְקוּרְצֶערְט מֶען דָאס דַאוֶוענֶען, פַארְלִירְט מֶען נָאר סֵיי בְּרוּחֲנִיּוּת אוּן סֵיי

<<<<<<

## א גוט ווארט

וִויסְן זָאלְסְטוּ אַז מֶען קֶען אַלֶעס אַוֶועק מַאכְן אוּן מֶען קֶען פוּן יֶעדְן אֵיינֶעם חוֹזֶק מַאכְן, אָבֶער וֶוען מֶען מַאכְט חוֹזֶק פוּן אַן עֶרְלִיכֶער אִיד דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער עֶרְלִיכֶער אִיד טוּישְׁט זִיךְ נִישְׁט - עֶר גֵייט וַוייטֶער אָן מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, עֶר אִיז וַוייטֶער דָבוּק אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן עֶר הָאט זִיךְ וַוייטֶער זַיין חַיִּים טוֹבִים, עֶר הָאט שָׁלוֹם בַּיִת אוּן עֶר הָאט הֲנָאָה אַהֵיים צוּ גֵיין צוּ זַיין וַוייבּ אוּן קִינְדֶער וְכוּ'; וֶוער לַיידְט פוּן לֵיצָנוּת? דֶער לֵץ וָואס מַאכְט לֵיצָנוּת אוּן דִי מֶענְטְשְׁן וָואס הֶערְן אִים אוֹיס, דֶער וָואס הֶערְט רֶעדְן אוֹיף אַ צַדִּיק אוּן אוֹיף דֶעם וָואס אִיז אִים מְזַכֶּה צוּ לֶערְנֶען, צוּ דַאוֶוענֶען אוּן צוּ הָאבְּן שָׁלוֹם בַּיִת, דֶער קֶען שׁוֹין נִישְׁט הֶערְן קַיין עֵצוֹת פוּן דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד, וַוייל עֶר הָאט גֶעהֶערְט אוֹיף אִים לֵיצָנוּת.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תש"פ)

# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי לֶערְנְט מֶען זִיךְ אוֹיס רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן?

*שְׁאֵלָה:*

לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ״א,

יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶע שִׁיעוּרִים, אִיךְ הֶער עֶס כְּסֵדֶר אוֹיס אוּן אִיךְ שֶׁעפּ אַסַאךְ חִיזוּק אוּן חִיוּת דֶערְפוּן.

אִיךְ וִויל זֵייעֶר שְׁטַארְק זַיין אַ בְּרֶסְלֶב׳עֶר חָסִיד, אִיךְ וִויל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד בֶּאֱמֶת, רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּסֵדֶר. וֶוען אִיךְ רֶעד אָבֶּער צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶוער אִיךְ מְבוּלְבָּל אוּן פַארְלוֹירְן, אִיךְ שְׁפִּיר נִישְׁט וִוי אִיךְ רֶעד צוּ מַיין חָבֵר, עֶס הַאלְט קוֹים אָן פַאר אֵיין מִינוּט, אוּן רוֹב וֶוערְטֶער זֶענֶען: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ דִיר״. אֶפְשָׁר קֶען אִיךְ הָאבְּן אַ עֵצָה וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּצוּגֶעוואוֹינֶען רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטֶער כְּדַבֵּר אִישׁ אֶל רֵעֵהוּ, צוּ שְׁפִּירְן אַז אִיךְ רֶעד צוּ מַיין טַאטֶע.

נָאךְ אַ זַאךְ וָואס בַּאדֶערְט מִיר שׁוֹין פוּן אַלְס קִינְד, אִיךְ הָאבּ גֶעמֵיינְט אַז אִיךְ וֶועל פָּטוּר וֶוערְן דֶערְפוּן אָבֶּער דֶערְוַוייל אִיז עֶס נָאר מִיטְגֶעוָואקְסְן מִיט מִיר, יֶעדֶעס מָאל אִיךְ גֵיי צוּם דָאקְטָאר אָדֶער דֶענְטִיסְט וּבִפְרַט פַאר מֶער עֶרְנְסְטֶע זַאכְן, כַאפְּט מִיר אָן אַזַא פַּחַד אוּן שְׁרֶעק, וָואס קֶען אִיךְ טוּן זִיךְ צוּ מִתְגַבֵּר זַיין?

**אַ יְיַשֵׁר כֹּחַ פַאר אַלֶעס**

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה׳ יִתְבָּרַךְ**

יוֹם א׳ פַּרְשַׁת נֹחַ, כ״ח תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש״פ לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

דַיינֶע תְּפִילּוֹת זֶענֶען אוֹיסְנָאם תְּפִילּוֹת; בֶּעט וַוייטֶער דִי הֶערְלִיכֶע וֶוערְטֶער: ״רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם, אִיךְ וִויל רֶעדְן צוּ דִיר״, זָאג דָאס אִיבֶּער טוֹיזְנְטֶער מָאל בִּיז דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין אָנְצוּהֵייבְּן שְׁפִּירְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

עֶס נֶעמְט אַ שְׁטִיק צַייט וִוי לַאנְג דֶער מֶענְטְשׁ הֵייבְּט אָן שְׁפִּירְן וִוי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶערְט אִים אוֹיס, אַזוֹי וִוי וֶוען עֶר רֶעדְט צוּ אַ חָבֵר. דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שִׁבְחֵי הָרַ״ן, סִימָן יב): ״הָיָה נִדְמֶה לוֹ תָּמִיד שֶׁאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל וְאֵין שׁוֹמְעִין לוֹ כְּלָל״, וֶוען עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים שְׁטֶענְדִיג גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער קוּקְט נִישְׁט אוֹיף אִים אוּן מֶען הֶערְט נִישְׁט אוֹיס אוֹיבְן אִין הִימְל וָואס עֶר בֶּעט, ״רַק אַדְּרַבָּא, נִדְמֶה לוֹ שֶׁמַּרְחִיקִין אוֹתוֹ מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ בְּכָל מִינֵי הַרְחָקוֹת וּכְאִלּוּ אֵין רוֹצִין בּוֹ כְּלָל וּכְלָל״, פַארְקֶערְט, וִוי מֶער עֶר פְלֶעגְט רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט זִיךְ אִים אַלְץ מֶער גֶעדַאכְט וִוי מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, ״כִּי הָיָה רוֹאֶה שֶׁחוֹלְפִין וְעוֹבְרִין כַּמָּה וְכַמָּה יָמִים וְשָׁנִים וַעֲדַיִן הוּא רָחוֹק מֵהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְלֹא זָכָה עֲדַיִן לְשׁוּם הִתְקָרְבוּת״, וַוייל עֶר הָאט גֶעזֶען אַז עֶס גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַסַאךְ יָארְן אוּן עֶר הָאט נָאךְ אַלְץ נִישְׁט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ וֶוערְן נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״עַל כֵּן נִדְמָה בְּעֵינָיו שֶׁאֵין שׁוֹמְעִין דְּבָרָיו כְּלָל, וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, רַק אַדְּרַבָּא, מַרְחִיקִין אוֹתוֹ בְּכָל מִינֵי הִתְרַחֲקוּת מֵעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ״, דֶערְפַאר הָאט זִיךְ אִים גֶעדַאכְט אַז קֵיינֶער הֶערְט אִים נִישְׁט אוֹיס, אַדְּרַבָּה עֶס הָאט אִים אוֹיסְגֶעזֶען וִוי מֶען שְׁטוּפְּט אִים אַוֶועק פוּן דִי קְדוּשָּׁה, ״אַךְ אַף עַל פִּי כֵן הָיָה מְחַזֵּק עַצְמוֹ מְאֹד, וְלֹא הִנִּיחַ אֶת מְקוֹמוֹ״, מִיט דֶעם אַלֶעם הָאט עֶר זִיךְ זֵייעֶר גֶעשְׁטַארְקְט אוּן נִישְׁט אוֹיפְגֶעהֶערְט מִיט זַיין עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, ״וְכַמָּה פְּעָמִים הָיָה שֶׁהָיָה נוֹפֵל בְּדַעְתּוֹ מֵחֲמַת זֶה שֶׁרָאָה שֶׁהוּא מִתְפַּלֵּל וּמַעְתִּיר וּמַפְצִיר כָּל כָּךְ שֶׁיִּתְקָרֵב לַעֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ וְאֵין מִסְתַּכְּלִין עָלָיו כְּלָל, וּמֵחֲמַת זֶה נָפַל לִפְעָמִים בְּדַעְתּוֹ וְלֹא הָיָה מְדַבֵּר עוֹד כָּל כָּךְ בֵּינוֹ לְבֵין קוֹנוֹ אֵיזֶה יָמִים״, אַסַאךְ מָאל הָאט זִיךְ גֶעמַאכְט בַּיים רֶבִּי׳ן אַז עֶר אִיז גֶעוָוארְן זֵייעֶר צֶעבְרָאכְן, זֶעעֶנְדִיג אַז עֶר הָאט שׁוֹין אַזוֹי סַאךְ גֶעדַאוְונְט אוּן גֶעבֶּעטְן אָבֶּער עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז מֶען דַארְף אִים נִישְׁט, אוּן עֶר הָאט אוֹיפְגֶעהֶערְט מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, ״אַחַר כָּךְ נִזְכַּר בְּעַצְמוֹ וְהִתְבַּיֵּשׁ בְּעַצְמוֹ עַל שֶׁהִרְהֵר אַחַר מִדּוֹתָיו יִתְבָּרַךְ, כִּי בֶּאֱמֶת בְּוַדַּאי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ חַנּוּן וְרַחוּם וְכוּ׳, וּבְוַדַּאי הוּא רוֹצֶה לְקָרְבוֹ וְכוּ׳, וְחָזַר וְנִתְחַזֵּק בְּדַעְתּוֹ וְהִתְחִיל שׁוּב לְהַעְתִּיר וּלְדַבֵּר לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ כַּנַּ״ל״, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעכַאפְּט וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן אוּן עֶר הָאט זִיךְ זֵייעֶר פַארְשֶׁעמְט אַז עֶר הָאט נָאכְגֶעלָאזְט פוּן דִי הֵיילִיגֶע עֲבוֹדַת הַשֵּׁם, הָאט עֶר צוּרִיק אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, ״וְכֵן הָיָה כַּמָּה פְּעָמִים״, אַזוֹי אִיז גֶעוֶוען אַסַאךְ מָאל, עַיֵּין שָׁם.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז מֶען דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק נִישְׁט אוֹיפְצוּהֶערְן בֶּעטְן אוּן דַאוֶוענֶען, אֲפִילוּ וֶוען עֶס וֶוערְט פַארְמַאכְט דִי גֶעפִילְן, מֶען שְׁפִּירְט גָארְנִישְׁט אוּן מֶען זֶעט גָארְנִישְׁט; אַדְּרַבָּה, מֶען זֶעט נָאר פַארְקֶערְט, מֶען זֶעט וִוי מֶען בֶּעט אוּן מֶען בֶּעט אוּן עֶס רִירְט זִיךְ גָארְנִישְׁט, דַארְף מֶען זַיין אַ גְרוֹיסֶער עַקְשָׁן נִישְׁט אָפְּצוּלָאזְן דִי עֲבוֹדַת הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אָבֶּער בַּיים סוֹף וֶוער עֶס הַאלְט אָן דִי עֵצָה פוּן הִתְבּוֹדְדוּת אִיז זוֹכֶה אַז עֶר בַּאקוּמְט אַ לוֹיטֶערֶע מֹחַ, עֶר הֵייבְּט אָן לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה אוּן אַלֶע פְּחָדִים גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אִים, עֶר הָאט נִישְׁט מוֹרָא פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט, נִישְׁט פוּן קַיין דָאקְטֶער, דֶענְטִיסְט, מַלְאָכִים אוּן אֲפִילוּ פוּנֶעם מַלְאַךְ הַמָּוֶת, נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיינְס.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה נֹחַ תש״פ)

>>>>>>

בְּגַשְׁמִיוּת, בְּרוּחֲנִיוּת אִיז פָּשׁוּט אַז מֶען פַארְלִירְט דָאס דַאוֶוענֶען גֶעהֶערִיג אוּן דָאס לֶערְנֶען, אוּן אוֹיךְ בְּגַשְׁמִיוּת פַארְלִירְט מֶען, וַוייל דִי כֵּלִי צוּ קֶענֶען הָאבְּן פַּרְנָסָה אִיז דָאס דַאוֶוענֶען, אוּן אַז דִי כֵּלִי אִיז נִישְׁט גַאנְץ, אִיז נִישְׁטָא קַיין כֵּלִי אִין וָואס דִי שֶׁפַע זָאל זִיךְ הַאלְטְן. דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן צוּ גֵיין אִין שׁוּהל דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן דַוְקָא דַאן וֶועט דִי שֶׁפַע פְלִיסְן אוּן מֶען וֶועט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע גֶעשֶׁעפְטְן.

וֶוער עֶס דַאוֶוענְט מִיט ״מִנְיָן״, אִיז פַארְזִיכֶערְט אַז עֶר וֶועט הָאבְּן אַ ״דָבָר שֶׁבְּמִנְיָן״, אַז עֶר וֶועט הָאבְּן גֶעלְט. וַוייל מִיט דֶעם וָואס מֶען דַאוֶוענְט מִיט מִנְיָן וַוייזְט מֶען אַז מֶען הָאט בִּטָּחוֹן אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען פַארְלָאזְט זִיךְ אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט גֶעבְן פַּרְנָסָה, אוּן צוּלִיבּ דֶעם וֶועט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן אַז מֶען וֶועט הָאבְּן פַּרְנָסָה בְּשֶׁפַע אוּן מֶען אִיז זֵייעֶר שְׁטַארְק מַצְלִיחַ.

### וֶוער אִיז מֶער מַצְלִיחַ?

דֶער הֵיילִיגֶער בֶּן אִישׁ חַי זי״ע הָאט דֶערְצֵיילְט אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע מַעֲשֶׂה אִיבֶּער דֶעם עִנְיָן. עֶס אִיז אַמָאל גֶעוֶוען אִין אַ שְׁטָאט צְוֵויי אִידְן וָואס הָאבְּן גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן סְחוֹרוֹת, אֵיינֶער פוּן זֵיי פְלֶעגְט עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט יֶעדְן אִינְדֶערְפְרִי זִיבְּן אַזֵייגֶער, עֶר הָאט גֶעוָואלְט זַיין אָפְן וִוי לֶענְגֶער אוּן מַאכְן דָאס מֶערְסְטֶע גֶעלְט, פְלֶעגְט עֶר אוֹיפְשְׁטֵיין גָאר פְרִי אוּן אָפְּכַאפְּן דָאס דַאוֶוענֶען, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בָּרוּךְ שֶׁאָמַר, אַשְׁרֵי, יִשְׁתַּבַּח, בִּרְכוֹת קְרִיאַת שְׁמַע אוּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה, אוּן עֶר אִיז גֶעלָאפְן עֶפֶענֶען דָאס גֶעשֶׁעפְט, נִיטְאַמָאל הָאט עֶר גֶעהַאט צַייט צוּ עֶסְן פְרִישְׁטָאג.

דֶער צְוֵוייטֶער אִיד הָאט זִיךְ גֶעפִירְט גַאנְץ אַנְדֶערְשׁ, עֶר אִיז צוּעֶרְשְׁט גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה אִינְדֶערְפְרִי, דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטֶעלְט רוּאִיג דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן, אוּן עֶר הָאט נָאךְ גֶעלֶערְנְט אַסַאךְ שִׁיעוּרִים נָאכְן דַאוֶוענֶען, דֶערְנָאךְ אִיז עֶר אַהֵיים גֶעגַאנְגֶען עֶסְן פְרִישְׁטָאג, אוּן עֶרְשְׁט דַאן אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען עֶפֶענֶען זַיין גֶעשֶׁעפְט, וָואס דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען גֶעוֶוענְלִיךְ אוּם אֵיינְס אַזֵייגֶער נָאכְמִיטָאג.

דֶער עֶרְשְׁטֶער אִיז גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ אַז עֶר אִיז אָפְן אַסַאךְ פְרִיעֶר אוּן אַלֶע קוּנְדְן קוּמֶען צוּ אִים נָאךְ אֵיידֶער דֶער צְוֵוייטֶער הָאט אֲפִילוּ גֶעעֶפֶנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט. בִּיז אֵיין טָאג...

אֵיין טָאג אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אִין שְׁטָאט אַ גָאר טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, וָואס מֶען הָאט גֶעקֶענְט פוּן דֶעם פַארְדִינֶען גָאר אַסַאךְ גֶעלְט, בֵּיידֶע פוּן זֵיי הָאבְּן גֶעקוֹיפְט אַסַאךְ פוּן דִי סְחוֹרָה, אוּן צוּמָארְגְנְס הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער גֶעעֶפֶנְט זַיין גֶעשֶׁעפְט גָאר פְרִי, אַזוֹי אַז יֶעדֶער זָאל קוּמֶען לוֹיפְן צוּ אִים קוֹיפְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה.

דֶער פָּרִיץ פוּן שְׁטָאט הָאט גֶעהֶערְט אַז עֶס אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דִי נֵייעֶ טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט זַיין בַּאדִינֶער עֶס צוּ קוֹיפְן, דֶער בַּאדִינֶער אִיז אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ אִינְדֶערְפְרִי צוּ דֶעם עֶרְשְׁטְן גֶעשֶׁעפְט, אוּן גֶעזָאגְט אַז דֶער פָּרִיץ בֶּעט אִים אַז עֶר זָאל אַרִיבֶּער קוּמֶען מִיט עֶטְלִיכֶע בַּיישְׁפִּילְן פוּן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה צוּ זֶען אוֹיבּ דָאס אִיז גוּט פַאר אִים, אוּן אֶפְשָׁר וֶועט עֶר אוֹיךְ קוֹיפְן פַאר זַיין מִשְׁפָּחָה אוּן זַיינֶע בַּאקַאנְטֶע.

צוּפִיל בְּרֵירוֹת הָאט דֶער אִיד נִישְׁט גֶעהַאט, דֶעם פָּרִיץ קֶען מֶען נִישְׁט אָפְּזָאגְן, עֶר הָאט גֶעדַארְפְט פַארְמַאכְן דָאס גֶעשֶׁעפְט אוּן אַרִיבֶּער גֵיין צוּפְרִידְן שְׁטֶעלְן דֶעם פָּרִיץ. לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר גֶעמוּזְט פַארְבְּרֶענְגֶען אַסַאךְ צַייט בַּיים פָּרִיץ, דֶער פָּרִיץ הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט מַחְלִיט זַיין וָואס עֶר וִויל עֶר הָאט אוֹיךְ גֶערוּפְן זַיין וַוייבּ, דִי פָּרִיצְ׳טֶע,

אָבֶּער זִי הָאט אוֹיךְ נִישְׁט גֶעוואוּסְט פוּנְקְטְלִיךְ וָואס זִי וִויל, עֶר הָאט גֶערוּפְן זַיינֶע קִינְדֶער אוּן זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ נִישְׁט גֶעקֶענְט זָאגְן וָואס צוּ נֶעמֶען, אוּן אַזוֹי הָאט זִיךְ עֶס גֶעצוֹיגְן בִּיז פַארְנַאכְטְס, אוּן אִין דִי זֶעלְבֶּע צַייט זֶענֶען דִי שְׁטָאטְ׳ס מֶענְטְשְׁן גֶעגַאנְגֶען צוּם צְוֵוייטְן גֶעשֶׁעפְט וָואס הָאט שׁוֹין אִינְצְוִוישְׁן גֶעעֶפֶנְט, אוּן אַיינְגֶעקוֹיפְט דָארְטְן דִי טֵייעֶרֶע סְחוֹרָה, מֶען הָאט אָפְּגֶעקוֹיפְט פוּן אִים דִי גַאנְצֶע סְחוֹרָה, אוּן עֶר הָאט פַארְדִינְט פוּן דֶעם גָאר אַסַאךְ גֶעלְט.

דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט פַארְבְּרֶענְגְט בַּיים פָּרִיץ דִי גַאנְצֶע טָאג, אוּן לְמַעֲשֶׂה אִיז דִי גַאנְצֶע זַאךְ נִישְׁט גֶעפָאלְן פַארְן פָּרִיץ אוּן עֶר הָאט אִים אַוֶועקְגֶעשִׁיקְט מִיט לֵיידִיגֶע הֶענְט, אוּן עֶר הָאט גֶעמוּזְט אַהֵיים גֵיין מִיט גְרוֹיס עָגְמַת נֶפֶשׁ.

זֶעט מֶען פוּן דֶעם אַז פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דֶערְלֵייגְט מֶען נִישְׁט, דַוְקָא דֶער צְוֵוייטֶער וָואס הָאט זִיךְ פַארְלָאזְט אוֹיפְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט נָאר מֶער פַארְדִינְט בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת.

(שִׂיחוֹת מוֹהֲרָא״שׁ חֵלֶק ט״ז עֶרֶךְ ״בִּטָּחוֹן״)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע
# פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (מג)

**אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.**

### קצו

פוּנֶעם דָארְף סַאקִילֶע אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן צוּם שְׁטָאט נִיקוּלֵייב, אוּן גְלַייךְ וֶוען עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין הָאט עֶר גֶעטְרָאפְן דָארְט אַ שִׁיף אָנְגֶעלָאדְנְט מִיט וֵוייץ, גְרֵייט צוּ פָארְן צוּם שְׁטָאט חַרְסוֹן. דֶער רֶבִּי אִיז אַרוֹיף אוֹיפְ'ן שִׁיף צוּ פָארְן קַיין חַרְסוֹן, אוּן עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין עֶטְלִיכֶע טֶעג פַאר שָׁבוּעוֹת. דָארְט אִין חַרְסוֹן הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט וואוּנְדֶערְלִיכֶע תּוֹרוֹת, אוֹיפְ'ן פָּסוּק (תְּהִלִּים ק"ז, כ"ט) "יָקֵם סְעָרָה לִדְמָמָה", אוּן נָאךְ פִילֶע תּוֹרוֹת.

דָארְט זֶענֶען גֶעוֶוען מֶענְטְשְׁן פוּנֶעם רָב פוּן לִיאַדִי, זֵיי הָאבְּן גֶעבְּרֶענְגְט פַארְ'ן רֶבִּי'ן תּוֹרוֹת פוּן אִים, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט עֶס אָפְּגֶעפְרֶעגְט אוּן גֶעוִויזְן פַאר זַיינֶע מֶענְטְשְׁן אַז סְ'אִיז נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעזָאגְט.

### קצז

אוֹיף יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעוֶוען אִין שְׁטָאט חַרְסוֹן, שָׁבוּעוֹת בַּיינַאכְט אִיז דֶער רֶבִּי אוֹיפְגֶעוֶוען דִי גַאנְצֶע נַאכְט וִוי דֶער מִנְהָג אִיז, אוּן פַארְ'ן עֲלוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעגַאנְגֶען אִין מִקְוֶה מִיט זַיין בַּאגְלֵייטֶער ר' יִצְחָק, אוּן אוֹיפְ'ן גַאנְצְן וֶועג צוּ דִי מִקְוֶה הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעפְרֶעגְט כְּסֵדֶר, "דוּ הֶערְסְט עֶפֶּעס קוֹלוֹת?", עֶר הָאט גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז עֶר הֶערְט גָארְנִישְׁט, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט אוֹיף דֶעם, "וִוי אַזוֹי אִיז מֶעגְלִיךְ אַז דוּ הֶערְסְט נִישְׁט יֶעצְט קַיין קוֹלוֹת?".

גֵייעֶנְדִיג וַוייטֶער צוּם מִקְוֶה הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ אָנְגֶערוּפְן, "אֶפְשָׁר הֶער אִיךְ אַ קוֹל פוּן אַ קַאפֶּעלְיֶע?", ר' יִצְחָק הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הֶערְט נִישְׁט קַיין קוֹל פוּן אַ קַאפֶּעלְיֶע, אוּן בִּכְלַל הֶערְט עֶר גָארְנִישְׁט קַיין קוֹלוֹת, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט זִיךְ זֵייעֶר גֶעוואוּנְדֶערְט דֶערוֹיף.

ר' יִצְחָק הָאט פַארְשְׁטַאנֶען אַז דֶער רֶבִּי הֶערְט יֶעצְט דִי קוֹלוֹת וּבְרָקִים פוּן מַתַּן תּוֹרָה.

### קצח

וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען אִין מִקְוֶה הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶע'טוֹבְלְ'ט זֵייעֶר אַסַאךְ טְבִילוֹת, אוּן בַּיים אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן מִקְוֶה הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט, "אִיךְ בִּין יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אִיבֶּער דֶעם וָואס דֶער זֹהַר הַקָּדוֹשׁ זָאגְט (תִּקּוּנֵי זֹהַר, תִּקּוּן ל"ג) "אִית יִרְאָה וְאִית יִרְאָה וְכוּ'", אַז סְ'אִיז דָא פַארְשִׁידֶענֶע סָארְט יִרְאוֹת, בִּין אִיךְ יֶעצְט גֶעוואוֹיר גֶעוָוארְן אַז סְ'אִיז דָא נָאךְ אַ יִרְאָה, וָואס דָאס אִיז נָאךְ פִיל הֶעכֶער אֲפִילוּ פוּן "יִרְאָה עִלָּאָה" וָואס וֶוערְט דָארְט דֶערְמַאנְט אִין זֹהַר. וַוייל יֶעצְט הָאבּ אִיךְ מַשִּׂיג גֶעוֶוען אַזַא סָארְט יִרְאָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וָואס אִיז גָאר אַ גֶעוַואלְדִיגֶע גְרוֹיסֶע אוּן שְׁטַארְקֶע יִרְאָה אוּן פַּחַד".

### קצט

דֶער רֶבִּי הָאט דֶעמָאלְט גֶעזָאגְט דִי תּוֹרָה (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קמ"ח) אַז דִי מִדַּת הַיִּרְאָה אַלֵיין הָאט אוֹיךְ מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, קוּמְט אוֹיס אַז דִי יִרְאָה אַלֵיין הָאט אוֹיךְ אַ יִרְאָה, אוּן דִי צְוֵוייטֶע יִרְאָה הָאט דָאךְ אוֹיךְ מוֹרָא פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט עֶס אוֹיךְ אַ יִרְאָה, אוּן אַזוֹי גֵייט אֵיין יִרְאָה אַרַיין אִינֶעם צְוֵוייטְן, הֶעכֶער הֶעכֶער אָן קַיין סוֹף, [זֶע דִי גַאנְצֶע תּוֹרָה דָארְט אִינֶעוֵוייניג אִין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן].

### ר

יֶענֶעם יָאר פַאר שָׁבוּעוֹת, אוּם ד' סִיוָן, שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת בַּמִּדְבָּר, אִיז דֶער קֵייזֶער נַאפָּאלְיָאן פוּן פְרַאנְקְרֵייךְ אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען מִיט שִׁיפְן צוּ פִירְן אַ מִלְחָמָה מִיט מִצְרַיִם. אוּן כָאטְשׁ וָואס דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט אַבִּיסְל בִּלְבּוּלִים אוּן פְּחָדִים אִינֶעם גַאנְצְן גֶעגְנְט, הָאט דֶער רֶבִּי אָבֶער בַּאשְׁלָאסְן אַז עֶר וֶועט וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין מִיט דִי נְסִיעָה, עֶר וֶועט נִישְׁט קוּקְן אוֹיף

<<<<<<



# שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב

## וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אַוֶועקְשְׁלֶעפְּן אוּנְזֶער בָּחוּר פוּנֶעם סְמַארְטְפָאוּן?

***שְׁאֵלָה:***

**לִכְבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

מִיר הָאבְּן אַ בָּחוּר וָואס פַאלְט לֵיידֶער, עֶר הָאט זִיךְ גֶעשַׁאפְט אַ סְמַארְטְפָאוּן צוּ קוּקְן שְׁלֶעכְטֶע זַאכְן, אוּן בִּכְלַל אִיז זַיין הִתְנַהֲגוּת זֵייעֶר שְׁוַואךְ. אַ בַּעַל מְחַנֵּךְ הָאט מִיר גֶעגֶעבְּן אַן עֵצָה אִיךְ זָאל פָארְן מִיט אִים אוֹיף וַוייטֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע פְּלֶעצֶער אוּן אַזוֹי אִים מְקָרֵב זַיין, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז מִיר ווילְן פַארְבְּרֶענְגֶען מִיט אִים. מִיר הָאבְּן טַאקֶע אַזוֹי גֶעטוּן, מִיר זֶענֶען גֶעפָארְן מִיט אִים, קוֹדֶם הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט אַז מִיר פָארְן וַוייל מִיר ווילְן אִים דָאךְ מְקָרֵב זַיין אוּן מִיר הָאפְן אַז אַזוֹי וֶועט עֶר הָאבְּן מֶער שְׁמִירַת עֵינַיִם, אוּן דֶערְוַוייל דַארְף מֶען זִיךְ דְרֵייעֶן אִין לוּפְטְפֶעלְד אוּן גוֹי'אִישֶׁע הָאטֶעלְן אוּן אִין נָאךְ אַזֶעלְכֶע פְּלֶעצֶער וָואס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט גֶעאֵייגְנְט פַאר שְׁמִירַת עֵינַיִם. אָבֶער נָאךְ פִיל מֶער הָאט אוּנְז גֶעשְׁטֶערְט אַז שׁוֹין זַייעֶנְדִיג דָארְט, אִיז עֶר וַוייטֶער אַלֶעמָאל גֶעוֶוען פַארְנוּמֶען צוּ קוּקְן אִין זַיין טֶעלֶעפָאן, סְ'הָאט אִים בִּכְלַל נִישְׁט אִינְטֶערֶעסִירְט דִי אַלֶע אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן.

וָואס אִיז דִי עֵצָה, וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר מְקָרֵב זַיין אוּנְזֶער בָּחוּר? וִוי אַזוֹי קֶענֶען מִיר אִים צוּרִיק בְּרֶענְגֶען אוֹיפְ'ן גְלַייכְן וֶועג?

יְיַשֵּׁר כֹּחַ

***תְּשׁוּבָה:***

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ה' פַּרְשַׁת בְּרֵאשִׁית, כ"ה תִּשְׁרֵי, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן

**לִכְבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

מִיר דַארְפְן וֵויינֶען אוּן בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אוּנְז אוּן אוּנְז רַאטֶעוֶוען פוּן דֶעם חוֹשֶׁךְ כָּפוּל וּמְכוּפָּל - דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה פוּן אִינְטֶערְנֶעט. וויפִיל מֶען זָאל נָאר רֶעדְן וֶועגְן דָאס שֶׁעדְלִיכְקֵייט פוּן הָאבְּן אַן אָפֶענֶעם קָאמְפְּיוּטֶער, סְמַארְטְפָאוּן, אֵייפַּאד וְכוּ' - אִיז נִישְׁט גֶענוּג; דָאס הָאט שׁוֹין לֵיידֶער חָרוּב גֶעמַאכְט צֶענְדְלִיגֶער מִשְׁפָּחוֹת.

דָאס אִיז אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע צָרָה פַאר אוּנְזֶער דוֹר; וֶוען מֶען הָאט אַן אָפֶענֶעם קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אַן אֵייפַּאד, טֶעבְּלֶעט, סְמַארְטְפָאוּן וְכוּ', קֶען מֶען זֶען אַלֶע שְׁמוּץ אוֹיף דֶער וֶועלְט; דָאס נֶעמְט אַוֶועק דִי גַאנְצֶע יִרְאַת שָׁמַיִם פוּן אַ מֶענְטְשׁ, דָאס קִילְט אָפּ דִי אֱמוּנָה פוּן אַ אִיד אוּן בְּרֶענְגְט אַרַיין אִין אִים כְּפִירוֹת אוּן אֶפִּיקוֹרְסוּת אוּן נָאכְדֶעם וֶוערְט מֶען אִינְגַאנְצְן אוּמְגְלִיקְלִיךְ.

וֶוען מֶען קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס וְכוּ' וֶוערְט מֶען צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּ דֶעם בִּיז עֶס אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ אָפְּצוּגֶעוואוֹינֶען דֶערְפוּן; אַזוֹי וִוי דִי וָואס זֶענֶען צוּגֶעבִּינְדְן [עֶדִיקְטֶעד] צוּ דְרַאגְס וְכוּ' אָדֶער צוּ אַלְקָאהָאל וְכוּ' קֶענֶען זִיךְ נִישְׁט אָפְּרַייסְן דֶערְפוּן, אַזוֹי אוֹיךְ דֶער וָואס הָאט אַ קָאמְפְּיוּטֶער מִיט אִינְטֶערְנֶעט, אָדֶער אַן אֵייפַּאד, סְמַארְטְפָאוּן וְכוּ' אוּן קוּקְט שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס וְכוּ', דֶער וֶוערְט זֵייעֶר צוּגֶעקְלֶעבְּט דֶערְצוּ בִּיז עֶס אִיז שׁוֹין זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דֶעם, דֶער מֹחַ וֶוערְט אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעבְּרֶענְט פוּן דִי אַלֶע עֶקְלְדִיגֶע שְׁמוּצִיגֶע מָאוִויס, בִּיז מֶען פַאלְט אַרָאפּ אִין בִּיטֶערֶע עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן, נָאכְדֶעם הֵייבְּט מֶען אָן צוּ הָאבְּן קַשְׁיוֹת אוֹיף דִי אֱמוּנָה רַחֲמָנָא לִצְלָן.

יֶעצְט וֶוען אֵייעֶר זוּן אִיז צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם טֶעלֶעפָאן, עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט אִים שׁוֹין נִישְׁט קַיין שׁוּם זַאךְ הַשֵּׁם יִשְׁמְרֵנוּ, זָאלְט אִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן טָאג אַיין טָאג אוֹיס עֶר זָאל רַחֲמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים אוּן אוֹיף אַלֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער, עֶס זָאל אַרַיין גֵיין אִין זֵיי אַ רֵיינְקֵייט זֵיי זָאלְן זוֹכֶה זַיין תְּשׁוּבָה צוּ טוּן.

מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וִוי גְרוֹיס תְּפִילָּה אִיז; דֶער רֶבִּי הָאט גֶעהַאט אַ תַּלְמִיד רֶבִּי נַפְתָּלִי זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, עֶר אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי צְוֵויי עֵדוּת וָואס דֶער רֶבִּי הָאט גֶענוּמֶען פַארְ'ן תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, וָואס דֶער רֶבִּי הָאט מַבְטִיחַ גֶעוֶוען: "וֶוען אִיךְ וֶועל אַוֶועקְגֵיין פוּן דֶער וֶועלְט אוּן מֶען וֶועט קוּמֶען אוֹיף מַיין צִיוּן גֶעבְּן אַ פְּרוּטָה לִצְדָקָה לִזְכוּתִי אוּן זָאגְן דֶעם תִּיקּוּן הַכְּלָלִי, אֲפִילוּ דֶער מֶענְטְשׁ זָאל זַיין זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער בַּעַל עֲבֵירָה, וֶועל אִיךְ אִים מְתַקֵּן זַיין אוּן אִים אַ טוֹבָה טוּן; בַּיי דִי פֵּיאוֹת וֶועל אִיךְ אִים אַרוֹיס צִיעֶן פוּן שְׁאוֹל תַּחְתִּית".

דֶער רֶבִּי נַפְתָּלִי הָאט גֶעהַאט אַ זוּן וָואס אִיז אַרוֹיס לְתַרְבּוּת רָעָה רַחֲמָנָא לִצְלָן, פְלֶעגְט רֶבִּי נַפְתָּלִי גֵיין יֶעדְן טָאג צוּם צִיוּן אוּן מִתְפַּלֵּל זַיין אַז דֶער זוּן זָאל שְׁטַארְבְּן, תְּפִילָּה הָאט דָאךְ אַ גְרוֹיסְן כֹּחַ אוּן זַיין זוּן אִיז טַאקֶע גֶעשְׁטָארְבְּן. וֶוען רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה הָאט דָאס גֶעהֶערְט הָאט עֶר גֶעזָאגְט פַאר זַיין חָבֵר רֶבִּי נַפְתָּלִי: "נַפְתָּלִי, אִיךְ פַארְשְׁטֵיי דִיר נִישְׁט, אַז דוּ הָאסְט אַ כֹּחַ פוּן דַאוֶוענֶען, פַארְוָואס הָאסְטוּ גֶעבֶּעטְן עֶר זָאל שְׁטַארְבְּן, וָואלְסְט גֶעדַארְפְט בֶּעטְן עֶר זָאל תְּשׁוּבָה טוּן, וָואלְט עֶר זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

זָאלְסְט יֶעדְן טָאג נַאס מַאכְן דֶעם סֵפֶר תְּהִילִּים מִיט טְרֶערְן, וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל צוּרִיק קוּמֶען; דָאס זָאלְסְטוּ טוּן וֶוען עֶר אִיז נִישְׁט אִינְדֶערְהֵיים, אָבֶער בְּפָנָיו פַאר אִים זָאלְסְטוּ זַיין פְרֵיילִיךְ; זָאלְסְט אִים מְקָרֵב זַיין אוּן רֶעדְן שֵׁיין צוּ אִים, עֶס פֶעלְט נִישְׁט אוֹיס צוּ פָארְן אוֹיף פְּלֶעצֶער וְכוּ'. אִין דִי צַייט וֶוען אַלֶע קִינְדֶער שְׁלָאפְן אָדֶער אִינְמִיטְן טָאג וְכַדוֹמֶה, דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ וֵויינֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶועסְטוּ זֶען גְרוֹיסֶע שִׁינּוּיִים לְטוֹבָה בַּיי אִים, בִּיז עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן צוּרִיק קוּמֶען.

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה בְּרֵאשִׁית תש"פ)

BreslevCenter.com\answers




**נאך פילע בריוו פונעם ראש ישיבה שליט"א אין אלע נושאים**
**קען מען זען אינעם וועכנטליכן קונטרס "עצתו אמונה".**
צו באקומען אין ישיבה, אדער רופט 845-200-7132

<<<<<<
קַיין שׁוּם זַאךְ.

**רא**

גְלַייךְ נָאךְ שָׁבוּעוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעפָארְן מִיט אַ שִׁיף פוּן שְׁטָאט חַרְסוֹן צוּם שְׁטָאט אָדֶעס.

אִין יֶענֶע צַייטְן אִיז גֶעוֶוען אַיינְגֶעפִירְט אַז דִי אַלֶע וָואס הָאבְּן גֶעוָואלְט פָארְן קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל זֶענֶען נִישְׁט גֶעפָארְן דוּרְךְ אָדֶעס, וַוייל מְ'הָאט מוֹרָא גֶעהַאט צוּ פָארְן דָארְט, מְ'הָאט גֶעזָאגְט אַז דֶער יַם אִיז דָארְט מְסוּכָּן. דֶער רֶבִּי הָאט אָבֶער פַארְשְׁטַאנֶען מִיט זַיין גְרוֹיס חָכְמָה אַז סְ'אִיז בֶּעסֶער צוּ פָארְן דוּרְךְ אָדֶעס קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, טֶערְקֵיי, פַאר אַסַאךְ סִיבּוֹת. אֵיינְס, וַוייל דֶער וֶועג אִיז פִיל שְׁנֶעלֶער פוּן דִי גֶעוֶוענְלִיכֶע וֶועג וָואס מֶענְטְשְׁן פְלֶעגְן דֶעמָאלְט פָארְן דוּרְכְ'ן שְׁטָאט גַאלַאץ [אֵיילִיטִי, הַיינְט אִין רָאמֶענְיֶע], אוּן אוֹיךְ לֵייגְט מֶען זִיךְ נִישְׁט אַרַיין אִין דִי סַכָּנָה וָואס אִיז דָא דָארְט אִין גַאלַאץ, וֶוען מְ'גֵייט אַרָאפּ פוּנְ'ם טַייךְ טוּנַא [דַאנוּבֶּע] צוּם יַם, וָואס וִוי בַּאקַאנְט אִיז דָאס אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה. דֶערְפַאר אִיז דֶער רֶבִּי נִישְׁט גֶעגַאנְגֶען אוֹיף יֶענֶעם וֶועג, נָאר עֶר הָאט גֶענוּמֶען אַ נֵייעֶם וֶועג צוּ פָארְן דוּרְךְ אָדֶעס קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, אוּן פוּן דֶעמָאלְט אִיז דָאס גֶעוָוארְן אַן אוֹיסְגֶעטְרָאטֶענֶער וֶועג פַאר יֶעדְן, אוּן יֶעדֶער פָארְט שׁוֹין דוּרְךְ דָארְט.

**רב**

אָנְקוּמֶענְדִיג קַיין אָדֶעס, הָאט דֶער רֶבִּי גֶעהֵייסְן פַאר ר' יִצְחָק, זַיין בַּאגְלֵייטֶער, עֶר זָאל אִים גֵיין קוֹיפְן אַסַאךְ פַּאפִּיר מִיט טִינְט צוּם שְׁרַייבְּן.

**רג**

זֵיי הָאבְּן גֶעדִינְגֶען אַ פְּלַאץ אוֹיף אַ שִׁיף צוּ פָארְן קַיין אִיסְטַאנְבּוּל, אוּן אוֹיפְ'ן וֶועג אַרוֹיס פוּן אָדֶעס צוּם שִׁיף זֶענֶען זֵיי אַרוֹיסְבַּאגְלֵייט גֶעוָוארְן דוּרְךְ אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן מִיט גְרוֹיס כָּבוֹד. אַסַאךְ וֶועגֶענֶער זֶענֶען נָאכְגֶעפָארְן, מְ'הָאט זֵיי בַּאגְלֵייט מִיט גֶעזַאנְגֶען מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה.

גְלַייךְ בַּיים אָנְקוּמֶען אוֹיפְ'ן שִׁיף הָאט דֶער רֶבִּי אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרַייבְּן חִידוּשֵׁי תּוֹרָה, אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעוָוארְנְט זַיין בַּאגְלֵייטֶער עֶר זָאל גָארְנִישְׁט אַרַיינְקוּקְן אִין זַיינֶע בְּלֶעטֶער. דֶער בַּאגְלֵייטֶער הָאט גֶעמוּזְט צוּזָאגְן מִיט אַ שְׁטַארְקֶע הַבְטָחָה אַז עֶר גֵייט נִישְׁט אַרַיינְקוּקְן, אוּן נָאר דֶעמָאלְט הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעגְלוֹיבְּט אוּן אִים גֶעגֶעבְּן דֶעם שְׁלִיסְל צוּם קֶעסְטְל.

**רד**

וֶוען דִי שִׁיף הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֵייזְן אוֹיפְ'ן שְׁוַוארְצְן יַם, גְלַייךְ נָאךְ אִינֶעם עֶרְשְׁטְן טָאג, הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַ גֶעפֶערְלִיכֶע שְׁטוּרֶעם אוֹיפְ'ן יַם, אַזוֹי וַוייט אַז דִי כְוַואלְיֶעס הָאבְּן אַרוֹיפְגֶעטַאנְצְן אוֹיפְ'ן שִׁיף, אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעמוּזְט אַרַיינְגֵיין אִין אַ פַארְשְׁפַּארְטֶער צִימֶער זִיךְ צוּ רַאטֶעוֶוען פוּנֶעם וַואסֶער. גְלַייכְצַייטִיג אִיז גֶעוֶוען גָאר שְׁוֶוערֶע וִוינְטְן, דִינֶערְן אוּן בְּלִיצְן, מִיט גְרוֹיסֶע קוֹלוֹת פוּן דִי שְׁוֶוערֶע רֶעגְנְס אוּן דִי בּוּזְשֶׁעוֶועדִיגֶע כְוַואלְיֶעס. דֶער פַּחַד אִיז גֶעוֶוען דָארְט זֵייעֶר גְרוֹיס, אַז סְ'אִיז מַמָּשׁ נִישְׁט גֶעוֶוען מֶעגְלִיךְ צוּ שְׁלָאפְן בַּייְנַאכְט.

**רה**

דָארְט אוֹיפְ'ן שִׁיף אִיז גֶעקוּמֶען צוּם רֶבִּי'ן דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד וָואס אִיז נִפְטָר גֶעוָוארְן נִישְׁט לַאנְג פְרִיעֶר, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט מִיט אִים וָואס עֶר הָאט גֶערֶעדְט. דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעפְרֶעגְט זַיין בַּאגְלֵייטֶער, "הָאסְט גֶעזֶען אַז סְ'אִיז דָא גֶעוֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן פוּן וָואלְחִיוִויץ ?", ר' יִצְחָק הָאט אָבֶער גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעזֶען.

[טֵייל זָאגְן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער אִינְגֶערְמַאן וָואס הָאט בַּאגְלֵייט דֶעם רֶבִּי'ן פוּן מֶעזִיבִּיזְשׁ קַיין קַאמִינִיץ, אוּן אִיז שְׁפֶּעטֶער נִפְטָר גֶעוָוארְן.]

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אִי"ה - גֶענוּמֶען פוּן סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

# נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק'

## פרישער ווינטער זמן אין ישיבה און אין די מוסדות

געלויבט דעם אייבערשטן אז מיר זענען אריין אינעם צוועלפטן יאר פון ווען די ישיבה האט זיך געעפנט, די ישיבה האט זיך געעפנט בשנת תשס"ט לפרט קטן; יעצט צום נייעם זמן זענען נתרבה געווארן ספסלי בית המדרש, פילע פרישע טייערע ליכטיגע בחורים זענען אריינגעקומען מיט א פרישקייט צום נייעם זמן.

דער סדר היום אין ישיבה איז ווי פאלגענד: אינדערפרי אכט אזייגער הייבט זיך אן דער טאג מיט'ן שיעור גמרא, דער ראש ישיבה שליט"א לערנט פאר דעם א בלאט גמרא אין בבלי און אין ירושלמי; שחרית דאוונט מען צען אזייגער; נאכדעם לערנען די בחורים - יעדער איינער זיינע שיעורים כסדרן, ח"י פרקים משניות, גמרא והלכה וכו'; צוויי אזייגער לערנט דער ראש ישיבה שליט"א פאר א שיעור אין גמרא, רש"י, תוספות - ביז הלכה, צום פרישן זמן האט מען אנגעהויבן לערנען מסכת ביצה; דריי אזייגער איז מנחה, און פינף אזייגער געבט דער ראש ישיבה דער בארימטער טעגליכער שיעור התחזקות.

די חדר גייט ב"ה אויך אן מיט א שטארקייט, און אזוי אויך גייט די סקול אן מיט די זעלבע וועג ווי אלע יארן; מען לערנט מיט די קינדער די ריינע אמונה, מען לערנט מיט די קינדער חכמת החיים - ווי אזוי צו קענען לעבן א חיים טובים, זיי זאלן וויסן ווי אזוי מען לעבט אויך ווען דאס לעבן גייט נישט ווי אזוי מען וויל, נישט צו ווערן פארלוירן ווען זאכן גייען נישט ווי מען האט געפלאנט; מען זאל וויסן און לעבן מיט די ידיעה אז דער אייבערשטער פירט דער וועלט און אלעס אלעס איז ער אליינס, און מען קען נישט פארשטיין 'פארוואס', 'פאר ווען' און 'פאר ווי'. אויך דער כולל להוראה גייט אן מיט א שטארקייט, מען לערנט הלכות שבת און הלכות טהרה, די אינגעלייט לערנען מיט א שטארקע התמדה.

**ראה זה חדש הוא כבר היה לעולמים!**

***

## הערליכער שבת קודש אין "קרית ברסלב" מיט'ן ראש ישיבה שליט"א

פארגאנגענעם שבת פרשת בראשית האט דער ראש ישיבה שליט"א געווײלט אין שטעטל - קרית ברסלב ליבערטי; פון וואס די חשובע איינוואוינער האבן געהאט א געוואלדיגע הנאה. דער שבת איז אריבער מיט גרויס געשמאק און דערהויבנקייט.

דער ראש ישיבה איז זייער נתפעל געווארן פונעם שטעטל, דער ראש ישיבה האט זיך אויסגעדרוקט "מען שפירט דארט אזא הייליגקייט, אלע אינגעלייט לעבן מיט א ליבשאפט, מען העלפט זיך איינער דעם צווייטן"; אלע דיבורים וואס מען רעדט אין שטעטל איז פון רבי'ן, מען שפירט דארט עפעס וואס מען שפירט נישט ערגעץ אנדערש.

צום נייעם זמן האט דער ראש ישיבה שליט"א געעפנט אין שטעטל א כולל בוקר להלכה וואו עס זיצן אינגעלייט תלמידי חכמים און לערנען הלכות טהרה, זעקס אזייגער אינדערפרי; ביינאכט איז דא א שיעור אין גמרא, רוב איינוואוינער האלטן מיט דעם שיעור.

**השבת נועם הנשמות!**


## סימן טוב ומזל טוב

מיר וואונטשן א הארציגע ברכת מזל טוב פאר

מו"ה **יואל פארקאש** שליט"א

גבאי בית המדרש "היכל הקודש" קרית יואל

**צו די אפשערן פון זיין זון חנני' יו"ט ליפא נ"י למזל טוב**

***

הבחור **יעקב סאלי** הי"ו

צו זיין שמחת בר מצוה למזל טוב

***

מו"ה **ברוך מרדכי פעקעטע** הי"ו

צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב

## על הטוב יזכרו המנדבים להפצת הגליון

**בארא פארק - מו"ה יעקב יאקאבאוויטש הי"ו**

**Hurleyville Leasing - Auto Sales & Leasing - 845-720-0041**

## הבטחת מוהרא"ש

**מוהרא"ש האט צוגעזאגט און מבטיח געווען אז ווער עס וועט ארויסהעלפן דאס דרוקן דעם ספר הקדוש**

# אשר בנחל

**וועט זיכער זען א גרויסע ישועה און געהאלפן ווערן למעלה מדרך הטבע מיט וואס ער דארף.**

יעצט האט איר די געלעגנהייט צו האבן א חלק אין דרוקן "אשר בנחל" און געהאלפן ווערן מיט בני חיי ומזוני, זיווגים הגונים, רפואות וישועות.

**רופט שוין 845-248-1651**

## חיזוק צום טיר

**איר קענט באקומען אלע ספרי ברסלב, קונטרסים, דרשות, ניגונים, סידי'ס, USB'ס, SD'ס, און נאך; דעליווערט צו אייער טיר!**

רופט אריין מיט אייער פארלאנג צו

**347-509-4908**

מיר וועלן פרובירן בעז"ה

עס צו שיקן צו אייך אהיים.

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

212-444-9191 / 845-351-0910 / ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361

**< BreslevCenter.com >**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

212-444-9169 /845-351-9060 / ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com**/ טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**